**<u>טקסט הרצאתי בפורום השנתי למחקר יידיש</u>**

| עברית | ייִדיש |
|---|---|
| פרופ׳ רוזנצווייג הייתה מורתי ליידיש עתיקה, אבל ברשותכם אני אדבר ביידיש מודרנית. | פּראָפֿעסאָר ראָזענצווײַג איז געווען מײַן לערערקע פֿון אַלט-ייִדיש, אָבער מיט אײַער דערלויבעניש וועל איך רעדן אויף מאָדערן ייִדיש. |
| שלום לכולם,<br>כותרת הרצאתי שמופיעה בתוכנית הכנס<br>Orthodox Yiddish Press in Warsaw<br>מעט רחבה מדי. אכן, היו מספר עיתונים אורתודוקסיים שהופיעו בוורשה, אבל אני אתמקד רק בעיתון אורתודוקסי אחד, שנקרא **אָרטאָדאָקסישע יוגענד-בלעטער**. | שלום-עליכם אַלעמען,<br>דער אָפֿיציעלער טיטל פֿון מײַן רעפֿעראַט<br>Orthodox Yiddish Press in Warsaw<br>איז אַ ביסעלע צו ברייט. אין דער אמתן זײַנען געווען <u>עטלעכע</u> אָרטאָדאָקסישע צײַטונגען וועלכע זײַנען פּובליקירט געוואָרן אין וואַרשע, אָבער איך וועל זיך קאָנצענטרירן נאָר אויף איין אָרטאָדאָקסישער צײַטונג, וואָס הייסט **אָרטאָדאָקסישע יוגענד-בלעטער**. |
| עיתון זה היה בטאון תנועת צעירי אגודת ישראל (מעתה והלאה אומר את ראשי התיבות צא״י) , שהופיע בוורשה במשך כ- 7 שנים מניסן תרפ״ט 1929 ועד אב תרצ״ה 1935. | די צײַטונג איז געווען דער אָרגאַן פֿון דער צעירי-אגודת-ישׂראל-באַוועגונג (פֿון איצט אָן וועל איך זאָגן די ראָשי-תּיבֿות צא״י) און זי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין וואַרשע במשך פֿון זיבן יאָר פֿון ניסן תרפּ״ט נײַנצן נײַן און צוואַנציק (1929) ביז אָבֿ תּרצ״ה נײַנצן פֿינף און דרײַסיק (1935). |
| עד היום חסר לנו מחקר מקיף המוקדש רק לעיתון זה. מה כן יש לנו? כמה אזכורים שוליים באנציקלופדיית ייִוואָ, שלושה אזכורים בספרו של נתן כהן על ספרים ועיתונים בוורשה בין שתי מלחמות העולם, הערה יחידה בספרו של יוסף פונד על עיתונות אגודת ישראל וסקירה קצרה בספר אחר של פונד על תנועות הנוער והצעירים של אגודת ישראל. | ביז הײַנט פֿעלט אונדז אַן אַרומיקע פֿאָרשונג געווידמעט נאָר דער דאָזיקער צײַטונג. וואָס האָבן מיר יאָ? עטלעכע זײַטיקע דערמאָנונגען אין דער-ייִוואָ ענציקלאָפּעדיע, דרײַ דערמאָנונגען אין פּראָפֿ׳ כּהנס בוך וועגן ביכער און צײַטונגען אין וואַרשע צווישן די צוויי וועלט-מלחמות, איין איינציקע באַמערקונג אין דאָקטאָר יוסף פֿונדס בוך וועגן דעם אַגודת-ישׂראל-זשורנאַליזם און אַ קורצער באַריכט אין פֿונדס אַ צווייט בוך. |
| יחד עם זאת, ישנה התייחסות במחקר הרחב לאָרטאָדאָקסישע יוגענד-בלעטער. זה מצביע | פֿאָרט האָט מען זיך יאָ באַצויגן אין דער ברייטערער פֿאָרשונג צו די אָרטאָדאָקסישע |

| | |
|---|---|
| על חשיבות העיתון כמקור מידע אותנטי ומהימן. גם בכל הנוגע לכתיבה וקריאה של ספרות אורתודוקסית בפולין בין שתי מלחמות העולם משמש אָרטאָדאָקסישע יוגענד-בלעטער כמקור חשוב מאוד. | יוגנט-בלעטער. דאָס באַווײַזט די וויכטיקייט פֿון דער צײַטונג ווי אַן אויטענטישער און גלייבלעכער אינפֿאָרמאַציע-קוואַל. אויך וואָס שייך שרײַבן און לייענען אָרטאָדאָקסישע ליטעראַטור אין פּוילן צווישן ביידע וועלט-מלחמות דינען די אָרטאָדאָקסישע יוגענד-בלעטער ווי אַ זייער וויכטיקער מקור. |
| מפלגת אגודת ישראל, נוסדה במאי 1912. על אף שבפולין היה ריכוז האורתודוקסים הגדול בעולם, רק ב- 1916 נוסד שם סניף של אגודת ישראל. | די פּאַרטיי אַגודת-ישׂראל איז געגרינדעט געוואָרן אין מײַ נײַנצן צוועלף (1912). כאָטש אין פּוילן זײַנען געווען צום מערסטנס אָרטאָדאָקסן אויף דער וועלט, איז דאָרט נאָר אין נײַנצן זעכצן (1916) געגרינדעט געוואָרן אַן אָפּצווײַג. |
| כמו הרבה תנועות יהודיות פוליטיות, גם אגודת ישראל התלבטה האם להקים תנועת צעירים משלה. בסופו של דבר, תנועת צא״י קמה ב- 1919, כ- 3 שנים לאחר הקמת אגודת ישראל בפולין. | ווי אַ סך פּאָליטישע ייִדישע באַוועגונגען, האָט זיך אַגודת-ישׂראל אויך געקווענקלט צי צו שאַפֿן איר אייגענע יוגנט-באַוועגונג. צום סוף איז די צא״י-באַוועגונג אויפֿגעקומען אין נײַנצן נײַנצן (1919), אַ דרײַ יאָר נאָך דער גרינדונג פֿון אַגודת-ישׂראל אין פּוילן. |
| לא הייתה הבחנה גילאית ברורה בין אגודת ישראל וצא״י. מספר חברים בצא״י היו בעשור הרביעי לחייהם. רוב חברי צא״י היו תלמידי ישיבה פעילים, אולם חלקם פרשו מהלימודים התורניים מסיבות כלכליות. | עס איז נישט געווען קיין קלאָרע עלטער-צעטיילונג צווישן אַגודת-ישׂראל און צא״י. עטלעכע מיטגלידער אין צא״י זײַנען געווען אין זייערע פֿערציקער. ס׳רובֿ צא״י-מיטגלידער זײַנען געווען אַקטיווע ישיבֿה-לײַט אָבער אַ טייל פֿון זיי האָבן פֿאַרלאָזן די ישיבֿה צוליב פֿינאַנציעלע סיבות. |
| בסניפי צא״י רבים היו ספריות וחדרי קריאה עם ספרות אורתודוקסית פופולרית ועיתונים חרדים. במקרים מסוימים ניתן היה למצוא באותם חדרי קריאה גם ספרות חילונית ובלבד שזו לא כללה ביקורת ישירה על הדת. | אין אַ סך פֿון די צא״י-אָפּצווײַגן זײַנען געווען ביבליאָטעקן און לייען-צימערן מיט פּאָפּולערער אָרטאָדאָקסישער ליטעראַטור און חרדישע צײַטונגען. אין עטלעכע פֿאַלן האָט מען אין יענע לייען-צימערן געקענט געפֿינען אויך וועלטלעכע ליטעראַטור, כּל-זמן זי האָט נישט אַנטהאַלטן קיין דירעקטע קריטיק קעגן דער רעליגיע. |

| | |
|---|---|
| אַחוץ רעליגיעזע אַקטיוויטעטן האָבן די אָפּצווײַגן אויך פֿאָרגעלייגט נישט-רעליגיעזע קולטורעלע אַקטיוויטעטן ווי למשל אַ כאָר, אָרקעסטער און אַפֿילו שפּילקרײַזן. עס זײַנען געווען אָפּצווײַגן וועלכע האָבן געלייגט דעם טראָפּ אויף געזעלשאַפֿטלעכע אַקטיוויטעטן ווי אינפֿאָרמאַציע וועגן אַרבעט-שטעלעס, כּשרע שפּײַזן פֿאַר ייִדישע סאָלדאַטן, שפּײַזקופּאָנען פֿאַר אָרעמע-לײַט און אַזוי ווײַטער. | פרט לפעילויות דתיות, הציעו סניפי צא״י גם פעילויות תרבותיות לא דתיות, כגון מקהלה, תזמורת ואפילו חוגי משחק. היו סניפים של צא״י ששמו את הדגש על פעילויות חברתיות, כגון מידע על משרות, מזון כשר לחיילים יהודים, חלוקת תלושי מזון לעניים ועוד. |
| ווי אַ סך פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס, האָט אויך צאַ״י געוואָלט אַרויסגעבן איר אייגענע צײַטונג צוליב 2 סיבות. די 1טע סיבה זײַנען געווען די מחלוקתן צווישן צא״י און אַגודת-ישׂראל און צא״יס ווילן צו האָבן אַן עפֿעקטיוון מיטל זיך אַרויסצוזאָגן מיט אירע שטעלונגען, וואָס זײַנען אָפֿט מאָל געווען אַנדערש ווי די פֿון אַגודת-ישׂראל. די 2טע סיבה האָט צו טאָן מיט צא״יס קאַמף קעגן דער באַוועגונג פֿון פּועלי-אַגודת-ישׂראל (פֿון איצט אָן וועל איך ניצן די ראָשי-תּיבֿות פּא״י). ענלעך צו צא״י האָט פּא״י געאַרבעט אונטער אַגודת-ישׂראל, און אירע מיטגלידער זײַנען אויך געווען יונג, נאָר פּא״י האָט געהאַט אַ בפֿירוש סאָציאַליסטישע אָריענטאַציע. פּא״י האָט געהאַט איר אייגענע וואָכן-צײַטונג מיטן נאָמען **דער ייִדישער אַרבייטער** שוין אין 1923. צא״י האָט געהאַלטן אַז אין איר קאַמף קעגן פּא״י, צו געווינען די הערצער פֿון דער אָרטאָדאָקסישער יוגנט, מוז אויך זי האָבן אַ צײַטונג. | בדומה לארגונים פוליטיים רבים, גם צא״י חפצה להוציא לאור עיתון משלה והיו לכך שתי סיבות עיקריות. הסיבה הראשונה נעוצה במחלוקות של צא״י עם אגודת ישראל ורצונה בכלי אפקטיבי לבטא את עמדותיה שלה שהיו לעיתים קרובות שונות מאלו של אגודת ישראל. הסיבה השנייה קשורה למאבקה של צא״י בתנועת פועלי אגודת ישראל (מעתה והלאה אשתמש בראשי התיבות פא״י). בדומה לצא״י פעלה פא״י תחת אגודת ישראל ופעיליה היו אף הם אנשים צעירים אלא שלפא״י הייתה אוריינטציה סוציאליסטית. לפא״י היה עיתון שבועי משלה בשם **דער יודישער ארבייטער** (הפועל היהודי) כבר ב- 1923. צא״י גרסה כי במאבקה מול פא״י על לב הצעירים האורתודוקסיים היא זקוקה לעיתון. |
| ס׳רובֿ פֿון די 66 נומערן וועלכע זענען דערשינען,<br>אַנטהאַלטן 16÷20 זײַטן, אָבער נומערן לכּבֿוד ספּעציעלע געשעענישן זײַנען געווען אַ סך לענגער. אין יעדן נומער זײַנען געווען עטלעכע טיילן, למשל: אַ פּובליציסטישער טייל מיט אַרטיקלען, אַ ליטעראַרישער, אַ פּאַרטייִשער, אַ טייל געווידמעט ענייני פֿון תּורה און אַ טייל ספּעציעל פֿאַרן יונגן אָרטאָדאָקסישן לייענער. | מרבית 66 הגיליונות שהופיעו כוללים 16÷20 עמודים אבל גיליונות לרגל אירועים מיוחדים היו גדולים הרבה יותר. בכל גיליון היו מספר חלקים, למשל: חלק פובליציסטי שכלל מאמרי דעה, חלק ספרותי, חלק מפלגתי, מדור לימוד התורה ומדור שכוון לנוער האורתודוקסי. |

| | |
|---|---|
| אמנם בחלק מהגיליונות היו מאמרים, יצירות ספרותיות, מודעות ברכה, מודעות אבל ופרסומות בעברית, אבל רובו המכריע של הטקסט היה ביידיש. | כאָטש אין טייל נומערן זײַנען געווען אַרטיקלען, ליטעראַרישע שאַפֿונגען, ווינטשעוואַניע-אָנזאָגן, טרויער-אָנזאָגן און רעקלאַמעס אויף העברעיִש, זײַנען ס'רובֿ טעקסטן געווען אויף יידיש, אויף מאַמע-לשון. |
| חלק מקוראי העיתון התגוררו מחוץ לפולין והעיתון פרסם ידיעות על הנעשה בקהילות אורתודוקסיות ברחבי העולם, אבל העיתון כוון בעיקר לאורתודוקסים שחיו בפולין. | טייל לייענער האָבן געלעבט מחוץ פּוילן און דער אָרגאַן האָט דורכויס אויך פּובליקירט ידיעות וועגן אָרטאָדאָקסישע קהילות אַרום דער וועלט, נאָר דער עיקר האָט דער אָרגאַן געצילט אויף אָרטאָדאָקסישע ייִדן אין פּוילן. |
| מקצת הגיליונות הוקדשו לכינוסים מפלגתיים של אגודת ישראל או צא״י ולציון אירועים אורתודוקסים משמעותיים. גיליון 5, למשל, הוקדש לקונגרס אגודת ישראל העולמי השני שהתקיים בווינה. הגיליון כלל לא פחות מ- 84 עמודים ולראשונה גם תמונות. הנושא של גיליון 10 היה ישיבת חכמי לובלין שבדיוק נפתחה. | אַ קלענער טייל פֿון די נומערן איז געווען געווידמעט די פּאַרטיי-קאָנפֿערענצן פֿון אַגודת-ישׂראל אָדער צא״י און האָט אָפּגעמערקט וויכטיקע אָרטאָדאָקסישע געשעענישן. נומער פֿינף, למשל, איז געווען געווידמעט דעם צווייטן וועלטקאָנגרעס פֿון אַגודת-ישׂראל וועלכער איז פֿאָרגעקומען אין ווין. דער נומער האָט אַנטהאַלטן נישט ווייניקער ווי פֿיר און אַכציק (84) זײַטן, און צום ערשטן מאָל אויך בילדער. די טעמע פֿון דעם צענטן נומער איז געווען די ישיבֿת-חכמי-לובלין וואָס איז פּונקט געעפֿנט געוואָרן. |
| החלק הפובליציסטי הופיע כמעט בכל הגיליונות וכלל בין 4 ל- 19 מאמרים. טור שהופיע תכופות בחלק זה נקרא **פֿון חֹדש צו חֹדש** (מחודש לחודש), ובו נהג עורך העיתון, מאיר אברהם קראָנגראַד לכותב על אקטואליה ופוליטיקה. מאמרים ארוכים מאוד חולקו לכמה גיליונות. כך, למשל, התפרס מאמרו של ד״ר בירנבוים, שכותרתו הייתה **די הויפּט-פּראָבלעמען פֿונעם רעליגיעזן ייִדנטום** (הבעיות העיקריות של היהדות הדתית), על פני שלושה גליונות. לעיתים נכתב מאמר לזכרה של אישיות ידועה שהלכה לעולמה, כמו המאמר של קראָנגראַד על החפץ חיים או המאמר על שרה שנירר. | דער פּובליציסטישער טייל איז אויפֿגעקומען אין כּמעט יעדן נומער און האָט אַנטהאַלטן צווישן 4 און 19 אַרטיקלען. אַן אָפּטע רובריק איז געווען **פֿון חודש צו חודש**, וועלכע דער רעדאַקטאָר מאיר-אַבֿרהם קראָנגראַד פֿלעגט שרײַבן וועגן אַקטואַליע און פּאָליטיק. זייער לאַנגע אַרטיקלען זײַנען אויסגעשפּרייט געוואָרן איבער עטלעכע נומערן. למשל, ד״ר בירנבוימס אַרטיקל, **די הויפּט פּראָבלעמען פֿונעם רעליגיעזן ייִדנטום**, האָט זיך געצויגן איבער 3 נומערן. פֿון צײַט צו צײַט האָט מען געשריבן אַן אַרטיקל לזכר אַ באַרימטער פּערזענלעכקייט וואָס איז געשטאָרבן, ווי |

| | |
|---|---|
| | למשל קראָנגראַדס אַרטיקל וועגן דעם חפֿץ-חיים אָדער וועגן שׂרה שענירערן. |
| טור **נוסף** בחלק הפובליציסטי נקרא **נאָטיצן** (רשימות). טור זה נכתב ע״י כותבים שונים ביניהם חיים ישראל אייז שהיה קול מיליטנטי מאוד כנגד הציונות. הוא היה כה לוחמני עד שהמערכת נאלצה להוסיף את ההערה הבאה: **מיר געבן דאָ אַן אָרט פֿאַר דעם אַרטיקל אויף דער אַחריות פֿון דעם חשובֿן אַגודה-פֿירער הגם נישט מיט אַלעמען איז אונדזער רעדאַקציע מסכּים** (אנו נותנים פה מקום למאמר באחריות מנהיגי אגודה החשובים, למרות שלא לכול מסכימה המערכת). | אַ צווייטע רובריק אינעם פּובליציסטישן טייל האָט געהייסן **נאָטיצן**. די רובריק איז געשריבן געוואָרן פֿון פֿאַרשיידענע מחברים, צווישן זיי חיים-ישׂראל אײַז וואָס איז געווען זייער מיליטאַנטיש געשטימט קעגן דעם ציוניזם. ער איז געווען אַזוי קעגנעריש אַז די רעדאַקציע האָט געדאַרפֿט צוגעבן די ווײַטערדיקע באַמערקונג: **מיר גיבן דאָ אַן אָרט פֿאַר דעם אַרטיקל אויף דער אַחריות פֿון דעם חשובֿן אַגודה-פֿירער, הגם נישט מיט אַלעמען איז אונדזער רעדאַקציע מסכּים**. |
| במסגרת אתגרי המודרנה איתם התמודדה האורתודוקסיה, נמצאה גם הספרות היפה. ההנהגה האורתודוקסית חששה מהשפעתה של הספרות על הנוער האורתודוקסי, אם כי הבינה שספרות ויצירות ספרותיות הם חלק חשוב מעיתונות מודרנית. לכן, גם בעיתונים היומיים האורתודוקסיים ניתן היה למצוא דמויות יהודיות היסטוריות או גדולי ישראל. למרות **שאָרטאָדאָקסישע יוגענד-בלעטער** לא היה עיתון יומי, נמצא ברוב גיליונותיו חלק ספרותי, בדרך כלל אחרי החלק הפובליציסטי. | צווישן אַלע מאָדערנע שוועריקייטן מיט וועלכע די אָרטאָדאָקסן האָבן זיך פֿאַרמאָסטן איז געווען די שיינע ליטעראַטור. די אָרטאָדאָקסישע הנהגה האָט מורא געהאַט פֿאַר דער השפּעה פֿון דער ליטעראַטור אויף דער אָרטאָדאָקסישער יוגנט, כאָטש זי האָט פֿאַרשטאַנען אַז ליטעראַטור און ליטעראַרישע שאַפֿונגען זײַנען אַ וויכטיקער טייל פֿון מאָדערנעם זשורנאַליזם. דערפֿאַר האָט מען אויך אין טאָג-טעגלעכע אָרטאָדאָקסישע צײַטונגען געקענט געפֿינען היסטאָרישע ייִדישע געשטאַלטן אָדער גדולים-בישׂראל. כאָטש **אָרטאָדאָקסישע יוגענד-בלעטער** איז נישט געווען קיין טאָג-טעגלעכע צײַטונג, געפֿינט זיך אין ס׳רובֿ נומערן אַ ליטעראַרישער טייל, געוויינטלעך נאָך דעם פּובליציסטישן. |
| כבר בגיליון הראשון התפרסם חלקו הראשון של סיפור מאת **שמואל נאַדלער** שנקרא **ג-ט און בערג** (אלוהים והרים, המילה **גאָט** נכתבה במתכוון בשינוי). נאַדלער היה גם עורכו של החלק הספרותי בעיתון עד שלימים נטש את הדת והפך לקומוניסט. | שוין אין דעם ערשטן נומער איז פּובליקירט געוואָרן דער ערשטער טייל פֿון שמואל נאַדלערס דערציילונג **ג-ט און בערג**. נאַדלער איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פֿונעם ליטעראַרישן טייל אין דער צײַטונג ביז ער איז אַוועק פֿון רעליגיע און געוואָרן אַ קאָמוניסט. |

| | |
|---|---|
| עם הזמן הבינה ההנהגה האורתודוקסית שהחלק הספרותי הוא כלי חשוב להתמודד עם השפעת הספרות והתנועות החילוניות. אלתר סיכם זאת במאמר **צו וואָס דאַרפֿן מיר אָרטאָדאָקסישע פּרעסע און ליטעראַטור?** (לשם מה נדרשת עיתונות וספרות אורתודוקסית?): **עס מוז שוין זײַן אַ ליטעראַטור אין פּאָזיטיוון זין, וואָס זאָל דער יוגנט דעם לייענער געבן באַוווסטזיניקייט, גײַסטיקע שפּײַז, אים צו דערציִען מיט טיפֿן רעליגיעזן אידעאַליזם** (חייבת להיות ספרות חיובית שתיתן לנוער הקורא מודעות עצמית ומזון רוחני ותחנכו לאידאליזם דתי עמוק). | מיט דער צײַט האָט די אָרטאָדאָקסישע הנהגה פֿאַרשטאַנען אַז דער ליטעראַרישער טייל אין דער צײַטונג איז אַ וויכטיקער מיטל כּדי זיך צו פֿאַרמעסטן מיט דער וועלטלעכער ליטעראַטור און דער השפּעה פֿון די וועלטלעכע באַוועגונגען און פּאַרטייען. מאיר אַלטער האָט אַזוי פֿאַרסך-הכּלט דעם אָ צוגאַנג אין זײַן אַרטיקל **צו וואָס דאַרפֿן מיר אָרטאָדאָקסישע פּרעסע און ליטעראַטור?** און איך ציטיר: **עס מוז שוין זײַן אַ ליטעראַטור אין פּאָזיטיוון זין, וואָס זאָל דער יוגנט דעם לייענער געבן באַוווסטזיניקייט, גײַסטיקע שפּײַז, אים צו דערציִען מיט טיפֿן רעליגיעזן אידעאַליזם.** |
| החלק עניינים חברתיים וארגוניים (**געזעלשאַפֿטלעך-אָרגאַניזאַציאָנעלער טייל**) כלל ידיעות על אירועים מפלגתיים. הדיווחים היו נרחבים עם פרוטוקולים מלאים של של ישיבה. בחלק זה היה מדור שנקרא **חבֿרים-טריבונע** (במת חברים) בו כתבו חברי צא״י מסניפיה השונים ברחבי פולין את דעתם על סוגיות שהטרידו אותם. אפשר למצוא שם לא מעט רכילות ומענה-לשון עסיסי. | דער **געזעלשאַפֿטלעך-אָרגאַניזאַציאָנעלער טייל** האָט אַנטהאַלטן אָנזאָגן וועגן פּאַרטיי געשעענישן. די באַריכטן זײַנען געווען אַרומנעמיק מיט פֿולע פּראָטאָקלן פֿון יעדער זיצונג. אין דעם טייל איז געווען אַ שטיקל וואָס האָט געהייסן **חבֿרים-טריבונע** וווּ מיטגלידער פֿון פֿאַרשיידענע צא״י-אָפּצווײַגן אין פּוילן האָבן געשריבן זייערע מיינונגען וועגן ענינים וואָס האָבן זיי באַאומרויִקט. מען קען דאָרטן געפֿינען נישט ווינציק רכילות און זאַפֿטיק מענה-לשון. |
| פרט לחלקי העיתון הללו היו בעיתון גם פרסומות, איחולים לרגל חתונות, אירוסין, חגים ולהבדיל גם מודעות אבל. הפרסומות היו מגוונות: ספרים חדשים, בנקים, יינות, מסעדות. הפרסומות היו בדרך כלל ביידיש, לעיתים (עם מעט פולנית) בעוד שמודעות האיחולים והתנחומים היו בדרך כלל בעברית. | אַחוץ די אָ טיילן זײַנען געווען אין דער צײַטונג אויך רעקלאַמעס, ווינטשעוואַניעס לכּבֿוד חתונות, פֿאַרקנסונגען, יום-טובֿים און להבֿדיל אויך טרויער-אָנזאָגן. די רעקלאַמעס זײַנען געווען פֿאַרשיידן: וועגן נײַע ביכער, בענק, ווײַנען, רעסטאָראַנען. די רעקלאַמעס זײַנען געווען געוויינטלעך אויף ייִדיש (מיט אַ ביסעלע פּויליש), נאָר די ווינטשעוואַניעס און טרויער אָנזאָגן זײַנען געווען אויף העברעיִש. |
| הוויכוח עם התנועה הציונית היה סביב השאלה על מידת הייצוג של עם ישראל ע״י כל אחד מהמחנות בסוכנות שבהקמתה לא הוכנס | דער וויכּוח מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג איז געווען אַרום דער פֿראַגע אין וואָסער מאָס יעדע ייִדישע פּאַרטיי דאַרף זײַן רעפּרעזענטירט |

| | |
|---|---|
| אף נציג של אגודת ישראל. זה כמובן גרם כעס ועלבון אצל האורתודוקסים שבולטים במאמרו של קראָנגראַד: **ווי די ציוניסטישע פּרעסע האָט מיט אַ האַלב יאָר צוריק די וועלט מרעיש געווען דאָס די גאולה איז שוין דאָ, דער קבוץ־גליות איז אַ געשעענע זאַך און מען דאַרף נישט לגמרי די אָרטאָדאָקסישע ייִדען, די ״פינסטערע פֿאַנאַטיקער״ וואס זאָלען זיך אַריינמישען מיט זייערע השגות וועגן ארץ־ישראל, גאולת־ישראל א. א. וו..** קראָנגראַד מלגלג על הביטויים המשיחיים בהם השתמשו הציונים, ״גאולה״ ו״קיבוץ גלויות״, ביטויים שמקורם באמונה הדתית, בעוד הציונים קובעים כי דווקא היהודים האורתודוקסים הם פנאטים חשוכים. | אין דער סוכנות – וואָס האָט בײַ איר גרינדונג נישט געוואָלט אַרײַננעמען קיין פֿאָרשטייער פֿון אַגודת-ישׂראל. דאָס האָט אַוודאי אַרויסגערופֿן אַ סך כּעס און באַליידיקונג וואָס ווערט בולט אין קראָנגראַדס אַרטיקל. איך ציטיר: **ווי די ציוניסטישע פּרעסע האָט מיט אַ האַלב יאָר צוריק די וועלט מרעיש געווען דאָס די גאולה איז שוין דאָ, דער קבוץ־גלויות איז אַ געשעענע זאַך און מען דאַרף נישט לגמרי די אָרטאָדאָקסישע ייִדען, די ״פינסטערע פֿאַנאַטיקער״ וואס זאָלען זיך אַריינמישען מיט זייערע השגות וועגן ארץ־ישׂראל, גאולת־ישׂראל א. א. וו..** קראָנגראַד מאַכט חוזק פֿון די משיחיסטישע באַגריפֿן ״גאולה״ און ״קיבוץ גלויות״ וועלכע די ציוניסטן האָבן געניצט. |
| במאמר נוסף ניסה קראָנגראַד להציג באור מגוחך את יומרתם של הציונים לשמש כלוחמיה הנאמנים של ארץ ישראל, בצטטו נאום של חיים נחמן ביאליק. בנאומו הקטין ביאליק הקטין את חשיבותו של הכותל-המערבי לעומת הקמת מבנים חדשים בארץ. | אין אַן אַנדער אַרטיקל האָט קראָנגראַד געפּרוווּט אָפּחוזקן פֿון די ציוניסטן, וואָס האָבן זיך געהאַלטן פֿאַר לאָיאַלע קעמפֿער פֿון ארץ-ישׂראל, ציטירנדיק אַ רעדע פֿון חיים-נחמן ביאַליק. אין דער רעדע האָט ביאַליק פֿאַרקלענערט די וויכטיקייט פֿון דעם כּותל-מערבֿי אין פֿאַרגלײַך מיטן אויפֿבויען פֿון נײַע בניינים אין לאַנד. |
| **אָרטאָדאָקסישע יוגענד-בלעטער** לא היה עיתון יומי ולכן לא נכלל בו ידיעות על מזג האוויר או על אירועים פלילים. יחד עם זאת, העיתון מסר אינפורמציה מפורטת מאוד על הנעשה במפלגת אגודת ישראל ובתנועת צא״י וגם סיפק דוחות על כינוסים פוליטיים (בינלאומיים ובפולין גופא) ושיתף את קוראיו באירועים פוליטיים נקודתיים בסניפי צא״י השונים ברחבי פולין. | **אָרטאָדאָקסישע יוגענד-בלעטער** איז נישט געווען קיין טאָגצײַטונג און דערפֿאַר נישט אַנטהאַלטן קיין ידיעות וועגן דעם וועטער אָדער קרימינעלע געשעענישן. פֿונדעסטוועגן האָט די צײַטונג איבערגעגעבן זייער פּרטימדיקע אינפֿאָרמאַציע וועגן וואָס עס קומט פֿאָר אין דער אַגודת-ישׂראל-פּאַרטיי און אין דער צא״י-באַוועגונג און אויך אָפּגעגעבן באַריכטן וועגן פּאָליטישע קאָנפֿערענצן (אינטערנאַציאָנאַלע און אין פּוילן גופֿא) און זיך געטיילט מיט די לייענער וועגן ספּעציפֿישע פּאָליטישע געשעענישן אין צא״י-אָפּצווײַגן איבער פּוילן. |

| | |
|---|---|
| תוכנם של רוב מאמרי הדעה היה לטובת חיזוק הזהות החברתית והדתית של קוראי העיתון. חיזוק זה נעשה הן כלפי פנים והן כלפי חוץ. כלפי פנים – באמצעות מאמרים ואירועים להרחבת לימוד התורה; כלפי חוץ – ע״י גישה אפולוגטיקה מול יריבים אידיאולוגיים כמו למשל הציונות. העיתון והכותבים בו ניסחו עבור הקוראים ותומכי צא״י את השקפת העולם האורתודוקסית. בכך תרמו לגיבוש הקוראים ויצרו קהילה רעיונית מאוחדת. | דער אינהאַלט פֿון ס׳רובֿ אַרטיקלען איז געווען לטובֿת דער פֿאַרשטאַרקונג פֿון דער פרומער און געזעלשאַפֿטלעכער אידענטיטעט פֿון די לייענער. די דאָזיקע פֿאַרשטאַרקונג איז געווען סײַ כּלפּי פּנים און סײַ כּלפּי חוץ. כּלפּי פּנים - דורך אַרטיקלען און אונטערנעמונגען צו פֿאַרברייטערן דעם תּורה-לימוד; כּלפּי חוץ – דורך אַן אַפּאָלאָגעטישן צוגאַנג קעגן אידעאָלאָגישע קעגנער ווי למשל די ציוניסטן. די צײַטונג און די מחברים האָבן פֿאָרמולירט פֿאַר די לייענער און צא״י אָנהענגער דעם אָרטאָדאָקסישן וועלטבאַנעם. דורך דעם האָבן זיי בײַגעטראָגן צו דער קריסטאַליזירונג פֿון די לייענער און געשאַפֿן אַ קהילה מיט פֿאַראייניקטע געדאַנקן. |
| העיתון היה בעיקר ביטאונה של תנועה פוליטית חיה ופעילה ומטבע הדברים תמך בצא״י ובאידאולוגיה שלה. הקוראים התבקשו להשתתף בבחירות ולהצביע עבור הרשימה שעליה המליץ העיתון. | די צײַטונג איז געווען דער עיקר דער אָרגאַן פֿון אַן אַקטיווער און לעבעדיקער פּאָליטישער באַוועגונג און אויף אַ נאַטירלעכן אופֿן אונטערגעשטיצט די צא״י-באַוועגונג און איר אידעאָלאָגיע. די לייענער זײַנען געבעטן געוואָרן אָנטייל צו נעמען אין וואַלן און צו שטימען פֿאַר דער רשימה וועלכע די צײַטונג האָט רעקאָמענדירט. |
| הביטאון היה פעיל בשנים 1929-1935. תקופה זו הייתה משמעותית מאוד עבור המיעוט היהודי, משום שהמדינה הפולנית, שזכתה לעצמאות רק לאחר מלחמת העולם הראשונה, לא הקפידה לכבד את זכויות המיעוטים. היהדות האורתודוקסית עצמה הייתה במגננה מול זרמים אחרים בקרב יהדות פולין שהציעו לצעירים היהודים אופציות אידאולוגיות רעננות. | די צײַטונג איז געווען אַקטיוו פֿון נײַנצן נײַן און צוואַנציק (1929) ביז נײַנצן פֿינף און דרײַסיק (1935). די דאָזיקע תּקופֿה איז געווען זייער וויכטיק פֿאַר דער ייִדישער מינאָריטעט, ווײַל די פּוילישע מלוכה, וואָס איז געוואָרן אומאָפּהענגיק נאָר נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה, האָט נישט געהאַלטן וואָרט וואָס שייך די רעכט פֿון די מינאָריטעטן. דאָס אָרטאָדאָקסישער ייִדנטום אַליין האָט זיך געשיצט קעגן אַנדערע באַוועגונגען צווישן די פּוילישע ייִדן, וועלכע האָבן פֿאָרגעלייגט דער יוגנט פֿרישע אידעאָלאָגישע מעגלעכקייטן. |

| | |
|---|---|
| במשך שבע שנות קיומו היה **אָרטאָדאָקסישע יוגענד-בלעטער** קול חשוב של תנועת צא״י ומילא תפקיד חשוב באינטראקציה שלה עם פעיליה ותומכיה והיווה בימה מרכזית למאבקים הפוליטיים והאידאולוגיים שניהלה עם תנועת האם של אגודת ישראל, עם תנועת האחות פא״י ועם תנועות רעיוניות אחרות שהיו פעילות באותה תקופה בקרב יהודי פולין. הכותבים בעיתון היו דמויות מרכזיות בתנועת צא״י כאשר החשוב שבהם היה אברהם מאיר קראַנגראַד. | אין משך פֿון די זיבן יאָר פֿון איר עקזיסטענץ איז די **אָרטאָדאָקסישע יוגענד-בלעטער** געווען אַ וויכטיקע שטים פֿון דער צא״י-באַוועגונג און האָט אויסגעפֿילט אַ וויכטיקע ראָלע אין איר אינטעראַקציע מיט אירע אַקטיוויסטן און שטיצער, און איז געווען אַ צענטראַלע בינע פֿאַר פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע סכסוכים, וועלכע זי האָט געפֿירט מיט דער פּאַרטיי אַגודת-ישׂראל, מיט דער שוועסטער-באַוועגונג פּא״י און מיט אַנדערע באַוועגונגען וואָס זײַנען געווען אַקטיוו אין יענער תּקופֿה צווישן די פּוילישע ייִדן. די מחברים אין דער צײַטונג זײַנען געווען צענטראַלע פֿיגורן אין דער צא״י-באַוועגונג, דער סאַמע וויכטיקער צווישן זיי איז געווען אבֿרהם-מאיר קראַנגראַד. |
| מאמר המערכת בגיליון הראשון הבטיח כי העיתון יקצה חלק ניכר מדפיו למאמרי דעה שיעסקו באקטואליה ובסוגיות רעיוניות. העיתון עמד בהבטחתו וכמעט בכל גיליונות העיתון הופיעו מאמרים שהיו צריכים לעזור בגיבוש המחנה האורתודוקסי הן ע״י מלחמה כלפי חוץ באלטרנטיבות רעיוניות והן כלפי פנים באמצעות קריאה לגאוות יחידה ומסורת ארוכה. העיתון היה יחסית פלורליסטי ופרסם גם מאמרים שלא היו נוחים לזרם המרכזי בצא״י. | דער רעדאַקטאָרישער אַרטיקל אינעם ערשטן נומער האָט צוגעזאָגט אַז מע וועט אָפּגעבן אַ גרויס שטיקל פֿון דער צײַטונג פֿאַר אַרטיקלען וואָס זאָלן האַנדלען מיט אַקטואַליע און אידעאָלאָגישע סוגיות. די צײַטונג האָט מקיים געווען דעם צוזאָג און אין כּמעט אַלע נומערן האָט מען פּובליקירט אַרטיקלען וואָס האָבן געדאַרפֿט העלפֿן פֿורעמען די אָרטאָדאָקסישע מחנה, סײַ דורך דער מלחמה כּלפּי חוץ מיט אידעאָלאָגישע אַלטערנאַטיוועס, און סײַ כּלפּי פּנים פֿאַררופֿנדיק זיך אויף זעלבסט-שטאָלץ און אַ לאַנגער טראַדיציע. די צײַטונג איז געווען רעלאַטיוו פּלוראַליסטיש און געדרוקט אומבאַקוועמע אַרטיקלען פֿאַרן צענטראַלן שטראָם פֿון דער צא״י-באַוועגונג. |
| העיתון הקפיד לכלול יצירות ספרותיות ומאמרים אודות ספרות ואומניות שונות והללו היו בדרך כלל איכותיים ברמתם ועשירים בתוכנם. יחד עם זאת, העיתון לא הצליח למשוך סופרים מוכרים לא בחלקים ביידיש ולא באלו בעברית. כקוריוז אני יכול לציין שבין | די צײַטונג האָט מקפּיד געווען אַרײַנצונעמען ליטעראַרישע ווערק און אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור און פֿאַרשיידענע סאָרטן קונסט און זיי זײַנען געווייִנטלעך געווען אויף אַ העכערן ניוואָ און מיט אַ רײַכערן אינהאַלט. פֿונדעסטוועגן האָט די צײַטונג נישט באַוויזן צוציִען באַוווּסטע שרײַבער נישט אין די ייִדישע |

| | |
|---|---|
| און נישט אין די העברעיִשע טיילן. ווי אַ קוריאָז קען איך אָבער באַמערקן אַז צווישן די דעמאָלטיקע שרײַבערס איז למשל געווען יחיאל פֿײַנער, שפּעטער באַוווּסט אונטערן פּסוודאָנים ק. צעטניק. | אותם סופרים היה למשל יחיאל פיינר שנודע מאוחר יותר בכינוי ק. צטניק. |
| די צײַטונג האָט אויך צוגעזאָגט פֿאָרצושטעלן די מיינונגען פֿון די לייענערס. דער צוזאָג איז נאָר טיילווײַז מקוים געוואָרן. דער טייל **חבֿרים-טריבונע** האָט טאַקע דערמעגלעכט די לייענערס זיך אַרויסצוזאָגן דירעקט, אַפֿילו קעגן דעם אָרטאָדאָקסישן כּלל-וועג. דערצו, האָט מען אָפֿט געברענגט אַ באַריכט וועגן וואָס עס טוט זיך אין די צא״י-אָפּצווײַגן, אַפֿילו פֿון זייער ווײַטע ערטער. פֿון דער צווייטער זײַט איז נישט געווען קיין רובריק פֿון בריוו צו דער רעדאַקציע און דער כּמות שרײַבער איז געווען באַגרענעצט. | עוד הבטיח העיתון כי יתחשב בדעות הקוראים. הבטחה זו מולאה באופן חלקי. המדור **חבֿרים טריבונע** אכן אפשר לקוראים לבטא ישירות את דעתם גם אם זו אתגרה את הזרם האורתודוקסי המרכזי. בנוסף, הובאו לעיתים קרובות דיווחים על הנעשה בסניפי צא״י השונים, לרבות במקומות נידחים למדי. מצד שני, לא היה בעיתון מדור של מכתבים למערכת וסגל הכותבים היה מוגבל. |
| נומער זעקס און זעכציק (66) וואָס איז אַרויס אין יוני נײַנצן פֿינף און דרײַסיק (1935) איז געווען דער לעצטער, און נאָך זיבן יאָר האָט די צײַטונג אויפֿגעהערט דערשײַנען, אָן קיין שום וואָרענונג אין פֿאָרויס. מער ווי דאָס, אין דעם נומער איז פּובליקירט געוואָרן אַ באַשלוס פֿון דער צא״י-קאָנפֿערענץ צו פֿאָדערן פֿון אַלע צא״י-מיטגלידער זיך צו אַבאָנירן אויף דער צײַטונג, און אַפֿילו זי צו פֿאַרוואַנדלען אויף אַ וואָכן-צײַטונג. מע קען משער זײַן אַז די צײַטונג האָט נישט באַוויזן איבערצוקומען אירע פֿינאַנציעלע שוועריקייטן און געדאַרפֿט אָפּשטעלן איר אַקטיוויטעט. | גיליון 66 שפורסם ביוני 1935 היה הגיליון האחרון ולאחר כ- 7 שנים חדל העיתון **אָרטאָדאָקסישע יוגענד-בלעטער** להופיע ללא התראה כלשהי מראש. יתרה מזו, בגיליון זה, פורסמה החלטת של כינוס צא״י לתבוע מכל חברי צא״י להיות מנויים על העיתון ואפילו להפוך את העיתון לשבועון. ניתן לשער כי העיתון לא הצליח להתגבר על בעיותיו הכלכליות ונאלץ להפסיק את פעילותו. |
| אַ שיינעם דאַנק פֿאַר אײַער אויפֿמערק און געדולד! | תודה על תשומת ליבכם וסבלנותכם! |